# וועגווייזער פאַר דעם ניו־יאָרק־שטאַטישער eWIC קאַרטל



NEW YORK STATE | WIC Program

05970NYKW-BRY-101

## אָפּהיטן מיין (eWIC) קאַרטל

### וואָס געשעט ווען מיין (eWIC) קאַרטל ווערט פאַרלוירן, גע'גנב'ט אָדער צעשעדיגט?

אַנולירט דעם קאַרטל דורך רופן (WIC) קליענט־באַדינונג (קאָסטאָמער סערוויס) אויף **1-844-540-3013**. באַשטעלט אַן אַפּוינטמענט ביי דער אָרטיגער אַגענטור צו באַקומען אַ נייען קאַרטל.

### וויאַזוי באַהיט איך מיין (eWIC) קאַרטל?

**איר זאָלט יאָ:**

- ✓ האַלטן דעם קאַרטל. איר וועט עס ניצען יעדען מאָנאַט
- ✓ האַלט דאָס קאַרט פאַרזיכערט און זויבער
- ✓ פאַרזיכער אַז דאָס שוואַרצע שטרייפל זאָל נישט געקראַצט ווערן

**איר זאָלט נישט:**

- ✓ אַוועקוואַרפן דעם קאַרטל ווען איר הויט אויסגענוצט אַלע בענעפיטן. איר וועט ניצן דעם זעלבן קאַרטל יעדען מאָנאַט.
- ✓ האַלטן דעם קאַרטל לעבן מאַגנעטן אָדער עלקטרישע זאַכען ווי מאָבילע טעלעפאָנען.
- ✓ לאָזען דיעם קאַרטל אונטער'ן זון אָדער אַנדערע הייסע פלעצער,אַזוי ווי צ.ב.ש. דער דעשבאָרד פון קאַר.

### ווען זאָל איך רופן קליענט־באַדינונג (קאָסטאָמער סערוויס)?

- ✓ אויב אייער (eWIC) קאַרטל ווערט פאַרלוירן אָדער גע'גנב'ט
- ✓ אויב אייער (eWIC) קאַרטל אַרבייט נישט
- ✓ אויב עמעצער ניצט אייער (eWIC) קאַרטל אָהן רשות
- ✓ אויב איר דאַרפט וויסן אייער (WIC) בענעפיטן־באַלאַנס אָדער אויסגאַנג־דאַטע
- ✓ אויב איר פאַרגעסט אייער (PIN)
- ✓ אויב איר ווילט שטעלן אייער (PIN) אויף ס'ניי
- ✓ אויב איר דאַרפט הילף מיט אייער (eWIC) קאַרטל

ביי דער אינסטיטוציע האָט יעדער גלייכע מעגליכקייטן.

## איינקויפן מיט מיין (eWIC) קאַרטל

### עס איז מעגליך אַז איר וועט נישט קענען קויפן עטליכע פּראָדוקטן מיט (WIC) אויב:

- ✓ דאָס דאָזיקע עסנוואַרג איז נישט אַריינגערעכנט צווישן אייערע משפחה'ס (WIC) בענעפיטן.
- ✓ אייערע בענעפיטן זענען שוין אויסגעגאַנגען.
- ✓ דאָס עסנוואַרג געפינט זיך נישט אויף דער (WIC)-באַשטעטיגטע רשימה.

### קען איך קויפן זאַכן פאַר וואָס (WIC) גילט נישט ביים זעלבן צייט?

יאָ. ניצט אייער (eWIC) קאַרטל צו ערשט. דאַן באַצאָל פאַר אַנדערע זאַכן מיט אַן אַנדערן מיטל. ניצט (SNAP), אַ מתנה־קאַרטל, מזומן, אָדער אַ דעביט־קאַרטל.

### וואָס געשעט אויב איך מיין אַז אַ (WIC) פּראָדוקט פעלט פון דער (WIC)-באַשטעטיגטע רשימה?

אויב איר מיינט אַז אַן עסנוואַרג וואָס ווערט גערעכנט אין דעם וועגווייזער פון (WIC) עסן (WIC Foods Guide) איז געווען על פּי טעות אַרויסגעלאָזט פון דעם (WIC)-באַשטעטיגטע רשימה:

- ✓ ווענדט זיך צו צו דעם געשעפט
- ✓ רעדט מיט אייער אָרטיגער (WIC) אַגענטור
- ✓ גייט צו (**https://nyswicvendors.com**)

פרעגט אויב דאָס עסנוואַרג דאַרף צוגעלייגט ווערן צום (WIC)-באַשטעטיגטער רשימה.

### וויאַזוי קען איך געפינען אַ געשעפט וואָס איז בעשטעטיגט פאַר (WIC)?

- ✓ ניצט (**WIC2Go**), דער מאָבילער אַפּ
- ✓ פרעגט ביי דער אָרטיגער (WIC) אַגענטור
- ✓ באַזוכט (**www.health.ny.gov/wic**)
- ✓ באַזוכט (**www.nyswicvendors.com**)

### וואָס געשעט טאָמער איך דאַרף אַן אַנדערע זאָל איינקויפן מיינע (WIC) זאַכן פאַר מיינעט־וועגן?

גיט אייער (eWIC) קאַרטל און (PIN) נאָר פאַר מענטשן וועמען איר געטרויט.

# אײַנקויפֿן מיט מײַן (eWIC) קאַרטל

כּדי צו ניצן אײַער (eWIC) קאַרטל ווען איר קויפט איין:

די טריט קענען זײַן אַנדערש פון איין געשעפט ביז צום צווייטן.

1. קלויבט אויס (WIC) עסנוואַרג, ניצנדיג אײַער (WIC) אײַנקויף־רשימה (שאָפּינג ליסט), באַלאַנס פון בענעפיטן, עסנוואַרג־וועגווײַזער, און (WIC2Go).
2. קלויבט אויס אַ באַצאָלריי וואָס איז מקבל (WIC).
3. זאָגט דעם קאַסירער אַז איר ניצט אַן (eWIC) קאַרטל.
4. לייגט אַרויף די (WIC) פּראָדוקטן קודם אויפֿן טאָמבאַנק, פאַר די אַנדערע עסנוואַרג.
5. פּירט אַדורך (סווייפּט) אײַער (eWIC) קאַרטל און קלאַפּט אויס אײַער 4-ציפערדיגן (PIN).
6. ניצט אַן אַנדער באַצאָל־מיטל פאַר פּראָדוקטן פאַר וועלכע (WIC) גילט נישט.
7. האַלט די קבלה־צעטל פון דעם געשעפט און אײַער (eWIC) קאַרטל פאַרן נעקסטן מאָל וואָס איר קויפט איין.




# די בענעפיטן פון מײַן (eWIC) קאַרטל

## וויאַזוי באַקום איך די (WIC) בענעפיטן אויף מײַן (WIC) קאָנטע?

בײַ אײַער (WIC) אַפּוינטמענט, (WIC) מיטאַרבייטער וועלן צושטעלן אײַערע בענעפיטן צו אײַערע (WIC)–חשבון. איר וועט באַקומען אַ רשימה פון אײַער משפּחה'ס (WIC) בענע־פיטן אויף די קומענדיגע דרײַ חדשים. די רשימה וועט ווײַזן די אָנהייב־דאַטע און די סוף־דאַטע פון אײַערע בענעפיטן.

## צי מוז איך קויפן אַלע מײַנע (WIC) בענעפיטן אויף אַ מאָל?

ניין. איר קענט אײַנקויפן אײַערע (WIC) עסנוואַרג לויט ווי איר דאַרפט עס.

## איז מײַן (eWIC) קאַרטל איבערנוצעוודיג?

יאָ. האַלט אײַער (eWIC) קאַרטל און ברענגט עס מיט צו אַלע אײַערע אַפּוינטמענטס.

## ווי אַזוי וועל איך וויסן דעם באַלאַנס פון מײַן (WIC) בענע־פיטן און די דאַטע ביז ווען זיי וועלן אויסגיין?

עס זענען פאַראַן 5 וועגן צו באַקומען די אינפאָרמאַציע:

- ✓ דער מאָבילער אַפּ, (WIC2Go)
- ✓ דאָס לעצטן קבלה־צעטל פון געשעפט
- ✓ פרעגט בײַם קליענט־באַדינונג (קאַסטאָמער סערוויס) טאָמבאַנק אין אײַער געשעפט
- ✓ רופט אָן קליענט־באַדינונג (קאַסטאָמער סערוויס) אויף **1-844-540-3013**
- ✓ באַזוכט (**www.WICconnect.com**)

## וואָס וועט זײַן ווען איך האָב אַ פראַגע וועגן מײַנע בענעפיטן? וואָס וועט געשען אויב איך דאַרף טוישן מײַנע בענעפיטן אָדער מײַן קינד'ס מילך־פאָרמל?

פרעגט די מיטאַרבייטערס בײַם אָרטיגער (WIC) אַגענטור וועגן טוישן אײַערע בענעפיטן אָדער אײַער קינד'ס מילך־פאָרמל.

## וואָס איז (WIC2Go)?

**(WIC2Go)** איז אַ מאָבילער אַפּליקאַציע (אַפּ) פאַר ניו־יאָרק־שטאַטיש (WIC) מיטגלידער. **(WIC2Go)** קען אײַך העלפן צו:

- ✓ מאַכן אַ רשימה פון אײַערע אַפּוינטמענט'ס
- ✓ באַקומען דעם באַלאַנס פאַר'ן יעצטיגן חודש און די אויסגאַנג־דאַטע
- ✓ סקאַנירן פּראָדוקטן צו זען צי זיי זענען באַשטעטיגט פון (WIC)

**(WIC2Go)** קען אַראָפּגעלאָדן ווערן בײַ דעם Store Apple App אָדער Google Play.

# מײַן (eWIC) קאַרטל און (PIN)

## וואָס הייסט אַן (eWIC) קאַרטל?

איר קענט ניצן דעם קאַרטל אײַנצוקויפן (WIC)-באַשטעטיגטע עסנוואַרג בײַ (WIC) געשעפטן. אײַער אָרטיגער (WIC) אַגע־נטור וועט אַרויפלייגן אײַער משפּחה'ס בענעפיטן אַרויף אויף אײַער קאַרטל.

## וואָס הייסט אַ (PIN)?

(PIN) באַטײַט "פּערזענליכע אידענטיפיקאַציע נומער". דאָס איז אַ געהיימע שיפער פון 4 ציפערן וואָס לאָזט אײַך ניצן אײַער (eWIC) קאַרטל. איר וועט אויסקלויבן אײַער (PIN) ווען איר שטעלט אָן אײַער (eWIC) קאַרטל.

## וויאַזוי באַקום איך מײַן (PIN)?

כּדי אָנצושטעלן אײַער נײַען (eWIC) און שטעלן אַ (PIN) רופט אָן דעם קליענט־באַדינונג (קאַסטאָמער סערוויס) אויף **1-844-540-3013**. איר וועט דאַרפן וויסן:

- ✓ דעם 16-ציפער'דיקן נומער פון דעם (eWIC) קאַרטל
- ✓ דעם זיפּ-קאָד פון אײַער פּאָסט־אַדרעס
- ✓ אײַער געבוירן־דאַטע

## וויאַזוי קלויב איך אויס מײַן (PIN)?

קלויבט אויס אַ 4-ציפער'דיגן (PIN) וואָס איז אײַך גרינג צו געדענקען, אָבער שווער פאַר אַן אַנדערער צו טרעפן.

## וויאַזוי טו איך פאַרזיכערן מײַן (PIN)?

- ✓ באַוואָרענט אײַך אַז קיינער קוקט זיך נישט צו
- ✓ שרײַבט נישט אַרויף דעם (PIN) אויף אײַער (eWIC) קאַרטל
- ✓ האַלט נישט דעם NIP אין בײַטל אָדער טעשל

## וואָס געשעט טאָמער איך פאַרגעס מײַן (PIN) אָדער איך דאַרף עס שטעלן אויף'ס נײַ?

רופט אָן קליענט־באַדינונג (קאַסטאָמער סערוויס) אויף **1-844-540-3013** אָדער באַזוכט (**www.WICconnect.com**). איר וועט דאַרפן וויסן אײַער געבוירן־דאַטע און דעם זיפּ־קאָד פון אײַער פּאָסט־אַדרעס.

## וואָס געשעט טאָמער איך מאַך אַ טעות ווען איך קלאַפּ אַרײַן דעם (PIN) בײַם געשעפט?

איר האָט נאָך 3 געלעגנהייטן דאָס ריכטיג איבערצומאַכן. אויב איר מאַכט אַ טעות אויפן 4-ן פרואוו, אײַער קאָנטע ווערט פאַרשלאָסן. איר וועט נישט קענען ניצן דעם קאַרטל ביז'ן נע־קסטן טאָג. אָדער, איר קענט רופן קליענט־באַדינונג (קאַסטאָמ־ער סערוויס). זיי וועלן שטעלן אײַער (PIN) אויף'ס נײַ.